**לזכות**

החתן הת' **שלמה** שיחי'

והכלה מרת **חנה רבקה** תחי'

**הרשקופ**

לרגל נישואיהם בשעטומ"צ

ביום ג', ח"י מנחם-אב, הי' תהא שנת **אראנו סגולות**

**"ויבנו בית בישראל בנין עדי עד על יסודי התורה והמצוה**

**כפי שהם מוארים במאור שבתורה זוהי תורת החסידות"**

*

**נדפס ע"י הוריהם**

הרה"ת ר' **אליעזר ליפא** וזוגתו מרת **בילא חי'** שיחיו **הרשקופ**

הרה"ת ר' **חיים יוסף** וזוגתו מרת **חוה לאה** שיחיו **גולדברג**

כתובתינו באינטרנט: http://www.moshiach.net/blind

ספרי' — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# לקוטי שיחות

מכבוד קדושת

## אדמו"ר מנחם מענדל

**שניאורסאהן**

**מליובאוויטש**

## שופטים

יוצא לאור על ידי מערכת

**"אוצר החסידים"**

770 איסטערן פארקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ששים ואחת לבריאה

שנת המאה להולדת כ"ק אדמו"ר מה"מ

# שופטים

**א.** בנוגע צו דער מצוה פון מינוי מלך — שום תשים עליך מלך[1] — איז ידועה די שאלה[2]:

בשעת אידן האָבן געבעטן ביי שמואל הנביא „תנה לנו מלך" איז ער דערפון געווען זייער אומצופרידן[3], און אויך דער אויבערשטער האָט געזאָגט „כי אותי מאסו גו'"[4] — ולכאורה, דאָס איז דאָך אַ מצוה וואָס דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט אידן! ובפרט לויטן מאמר חז"ל[5] „ג' מצות נצטוו ישראל בכניסתן לארץ להעמיד להם מלך כו'" — וואָס דערפון איז מובן, אַז דאָס איז אַ מצוה נעלית ביותר, ואפילו פון די מצות התלויות בארץ.

און ווידער, אויב זייער מאָנען אַ מלך אין יענעם זמן איז געווען אַ דבר בלתי רצוי — פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער דאַמאָלס אָנגעזאָגט שמואל הנביא אַז ער זאָל נאָכגעבן אידן און ממנה זיין אַ מלך אויף זיי?

**ב.** אין חסידות[6] איז אין דעם מבואר, אַז דער מכוון פון מינוי מלך איז אויף צוויי אופנים (זה למעלה מזה):

א) אַ טעם פשוט, ווייל (בלשון המשנה[7]) „אלמלא מוראה (של מלכות) איש את רעהו חיים בלעו" — אַז דער מלך זאָל אָנפירן און אויפטאָן אַז די הנהגה פון די אנשי המדינה זאָל זיין כראוי.

אפילו ווען דער שכל פאַרשטייט אַז מ'דאַרף זיך פירן כדבעי, איז עס אָבער ניט גענוג, ווייל העין רואה והלב חומד וכו'[8] — און דערפאַר דאַרף מען אָנקומען צו יראת המלך, וואָס פועלט אַז מען זאָל זיך פירן בדרך הישר.

ב) ווען דער מצב איז אַז המוח שליט על הלב בתמידיות — איז ניט נויטיק אַ מינוי מלך לענין האמור; עס זיינען אָבער דאָ אַזעלכע ענינים, וואָס דער עם האָט ניט קיין דעת צו פאַרשטיין ווי מען דאַרף זיך פירן בהם — נאָר דער מלך מצד מעלתו וואָס משכמו ומעלה גבוה מכל העם[9] פאַרשטייט זיי, און ער גיט אַרויס פקודות ווי מען זאָל זיך פירן — און די אנשי המדינה טוען אַזוי, ווייל אַזוי האָט דער מלך געהייסן.

און דאָס איז דער ענין פון מינוי מלך (בפנימיותו ובשרשו) ביי עם ישראל — וואָס זייער אדון און מלך איז דער אויבערשטער, און דער מלך בשר ודם, וואָס מ'איז ממנה, איז דער ממוצע וואָס איז מגלה מלכותו ית' צו אידן:

אידן מצד עצמם זיינען מאמינים, פאַרשטייען און פילן אַז זייער חיות נעמט זיך פון (מלכותו של) הקב"ה, וואָס דאָס דאַרף ביי זיי אַרויסרופן דעם

1) פרשתנו יז, טו.

2) אברבנאל פרשתנו „הספק העשירי". ושם לאח"ז מביא תי' כו"כ מפרשים, ע"ש. כלי יקר פרשתנו עה"פ. רד"ק ש"א ח, ה. וראה סנהדרין כ, ב. רמב"ם הל' מלכים פ"א ה"ב. ועוד.

3) ש"א שם, ו. וראה שם יב, יב ואילך.

4) שם, ז.

5) סנהדרין שם. ספרי ראה (יב, י). ועוד. רמב"ם ריש הל' מלכים.

6) סהמ"צ להצ"צ מצות מינוי מלך פ"א ופ"ג, ע"ש באורך (בהבא לקמן ס"ב־ג).

7) אבות פ"ג מ"ב.

8) רש"י שלח טו, לט.

9) ש"א ט, ב. ונת' באוה"ת בראשית (כרך ד) ע' 1528. שם שה"ש (כרך ג) ע' תיד־טו. ועוד.



אחד"). ו. „הר זה קנתה ימינו" מדבר בהר הבית, לא בבית המקדש. ז. לשם מה הובאה התחלת הפסוק — „ויביאם אל גבול קדשו".

והביאור:

עיקר כוונת התנא להוכיח מפסוקים אלו את תוכן ומהות ענין הקנין, היינו חשיבותם של חמשת ה„קנינים" (וכמו הפסוק „ה' קנני ראשית דרכו קדם מפעליו מאז", המלמדנו את חשיבותה הרבה של התורה), לאו דוקא שנקראים בשם „קנין". וכפי שכתבו המפרשים, ש"כוונת קנינים האלה לומר גודל חשיבותם ומעלתם בעיני ה' . . שכל דבר אשר קונה האדם ונותן מעותיו בו . . אם לא הי' חשוב בעיניו לא הי' נותן מעותיו בו"[350].

**כה אמר ה' השמים כסאי והארץ הדום רגלי** — בפסוק זה אמנם לא נזכר הלשון „קנין", אבל הוא מלמדנו עד כמה גדול חשיבותם של שמים וארץ: השמים הוא כסא מלכותו כביכול, והארץ היא השרפרף שעליו נותן המלך את רגליו בישבו על כסא המלכות, שהם דברים עיקריים בנימוסי המלוכה[351]. והיות ששמים (כסא המלוכה) וארץ (השרפרף) משלימים זה את זה[352], נחשבים שניהם ל„קנין" אחד. ואין התנא מסתייע ממה שכתוב „קונה שמים וארץ", כי בפסוק זה אין רמז לחשיבותם של שמים וארץ[353].

**מלאה הארץ קנינך** — העובדה שהארץ מלאה „קנינים", היינו דברים חשובים, מוכיח במכל שכן וקל וחומר שהארץ עצמה היא בעלת חשיבות רבה. במלים אחרות — הארץ „מקרינה" מחשיבותה גם על הדברים המצויים בה. זהו שהביא התנא מקרא נוסף זה, כי ממנו אנו למדים על חשיבותה של הארץ ביתר שאת מאשר מן הפסוק הקודם. ופסוק זה מלמדנו אף את חשיבותה הרבה של השמים, שהרי תחלתו של הכתוב — „מה רבו מעשיך ה' כולם בחכמה עשית" — מדברת בחשיבותו של העולם כולו, הן השמים והן הארץ.

(וכמו כן: הפסוק „עד יעבור עמך ה' עד יעבור עם זו קנית" מוכיח את גודל חשיבותם של בני ישראל; ולאחר מכן מוסיף התנא ומביא פסוק שני, „לקדושים אשר בארץ המה ואדירי כל חפצי בם", ממנו אנו למדים במה הוא חשיבותם של ישראל — היותם „קדושים" ו„חפצי בם").

**מכון לשבתך פעלת ה' מקדש אדני כוננו ידיך** — מבואר כאן גודל חשיבותו של בית המקדש, שבו משרה הקב"ה את שכינתו.

**ויביאם אל גבול קדשו הר זה קנתה ימינו** — בפסוק זה מודגש עוד יותר חשיבותו של בית המקדש; חשיבות זו היא כה גדולה, עד שהיא מתפשטת גם למקום המקדש[354], להר הבית, ואף לכל ארץ ישראל כולה — „גבול קדשו" (כל ארץ ישראל נקראת „גבול קדשו" כתוצאה מבחירת הקב"ה בירושלים ובבית המקדש)[355].

350) מד"ש. 351) ככתוב (מקץ מא, א) רק הכסא אגדל ממך. 352) ראה רש"י חגיגה יב, א ד"ה שרפרף: לפי גודל הכסא הוא מתקן את השרפרף. 353) ועפ"ז, הראי' מ„ויברכהו ויאמר" הוא מפשוטו של מקרא זה (המורה על חשיבותו של אברהם), לא ממדרשו (כרש"י). 354) ע"ד מארז"ל (תנחומא צו יג) עבד מלך מלך. 355) משיחות ש"פ במדבר תשמ"ב, ש"פ ראה תשמ"ג — על פי רשימת השומעים בלבד.

וועט די וועלט זאָגן אויף דעם?! איז דער ענטפער, אַז אויב די עניני הגאולה וואָלטן געווען אַ חידוש, וואָלט אפשר געווען אַן אָרט אויף דער שאלה: וויבאַלד אָבער אַז די גאולה איז ניט קיין חידוש דבר, נאָר כל עניני הגאולה האָבן זיך שוין אָנגעהויבן („כבתחלה״) און זיינען שוין נמשך ונתקבל געוואָרן אין עולם הזה הגשמי התחתון שאין תחתון למטה ממנו (בבחי׳ „ויועציך כבתחלה״) — וועט ניט זיין אַ פלא ווען די גאולה קומט תיכף ומיד ממש!

(משיחות ש״פ שופטים, ז׳ אלול תנש״א)

# ביאורים לפרקי אבות

**שמים וארץ קנין אחד . . דכתיב כה אמר ה׳ השמים כסאי והארץ הדום רגלי . . ואומר: מה רבו מעשיך ה׳ כולם בחכמה עשית מלאה הארץ קניניך . . בית המקדש מנין, דכתיב מכון לשבתך פעלת ה׳ מקדש אדני כוננו ידיך. ואומר: ויביאם אל גבול קדשו, הר זה קנתה ימינו**

השאלות במשנתנו: א. מדוע נכללו שמים וארץ בקנין אחד. ב. מאי ואומר. ג. „מלאה הארץ קניניך״ פירושו רק שהארץ מלאה קניניו של הקב״ה, אך לא שהארץ עצמה היא קנינו. ד. בפסוק זה נזכר ארץ בלבד, לא שמים. ה. מדוע אין התנא מסתייע ממה שנאמר „קונה שמים וארץ״ (פסוק המובא במשנתנו לגבי „אברהם קנין





ביטול צום אויבערשטן. בשעת אָבער זיי זיינען אין אַ מצב און ביי זיי פעלט אָט דער ביטול, דאַרפן זיי אָנקומען צו אַ מלך בשר ודם, וואָס דורך מורא מלכותו וכו׳ ווערט ביי זיי אויפגעטאָן אַ יראה וביטול צו מלך מלכי המלכים הקב״ה.

אָבער בשעת אידן זיינען ווי עס דאַרף צו זיין און עס איז ביי זיי פאַראַן דער ביטול צו אלקות מצד עצמם, דעמאָלט איז דער אויפטו פון (מינוי) מלך אין אַ העכערן אופן: די מדריגות אין אלקות צו וועלכע אידן קענען מצד עצמם ניט צוקומען, ווייל די מדריגות זיינען העכער פון זייער השגה — איז דער מלך (וואָס מצד מעלתו כנ״ל האָט ער אַ השגה אויך אין זיי) ממשיך ומשפיע זיי צו עם ישראל — און דאָס פועלט באַ אידן אויך אַ העכערן אופן פון יראה וביטול, אַ ביטול וואָס איז העכער פון זייער הבנה והשגה.

ג. עפ״ז ווערן פאַרענטפערט די שאלות הנ״ל:

שמואל הנביא האָט געוואָלט אַז דער מצב פון אידן זאָל זיין אין אַן אופן אַז זיי זאָלן שטיין מיט אַ ביטול צו אלקות מצד עצמם, ניט אָנקומענדיק צו אַ מלך — און דער מלך זאָל ביי זיי פועל זיין די העכערע דרגא פון ביטול און יראה (בכלל — יראה עילאה); אידן האָבן אָבער געבעטן אַ „מלך לשפטנו ככל הגוים״[10] — אַ מלך וואָס זאָל זיי באַוואָרענען פון „איש את רעהו חיים בלעו״ — וואָס דאָס ווייזט אַז ביי זיי האָט געפעלט די דרגא פון יראת שמים, וואָס אידן דאַרפן האָבן מצד עצמם. און דערפאַר האָט דער אויבערשטער געזאָגט „כי אותי מאסו גו׳״ — עס פעלט ביי זיי יראת שמים.

און ס׳איז מובן, אַז אעפ״כ האָט זיי דער אויבערשטער „נאָכגעגעבן״ און געהייסן ממנה זיין אַ מלך — ווייל ווען באַ אַ אידן פעלט ביראה, מאיזו סיבה שתהי׳, איז אע״פ אַז ער דאַרף אליין, אָן דער השפעה פון מלך, צוקומען צו דעם ביטול — דאַך קען מען ניט וואַרטן — און ביז דעמאָלט זאָל ער זיין ח״ו אַ איד אָן עול מלכות שמים:

ער דאַרף אויף זיך תיכף אָנגעמען אַ מלך, וואָס זאָל אים באַוואָרענען אין די ענינים; און דערנאָך במשך הזמן, וועט ער מצד עצמו צוקומען צו דער דרגא פון ביטול און יראה, ביז אויך צו די דרגות פון סוג הב׳ דורך אַ מלך, כנ״ל.

ד. פון יעדן ענין דאַרף מען אַרויסנעמען אַ הוראה אין עבודת ה׳:

אע״פ אַז בזמן הגלות איז ניטאָ קיין מלך — זאָגן אָבער חז״ל[11] „מאן מלכי רבנן״. אַזוי ווי עס איז דאָ די מצוה פון מינוי מלך, עד״ז האָט אַ איד אויף זיך דעם ציווי פון מלכי רבנן „עשה לך רב״[12].

און אויף דעם איז די הוראה פון ענין הנ״ל: עס זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס מיינען, אַז בנוגע די נידעריקע ענינים קענען זיי אַליין פאַרשטיין און מחליט זיין, ובמילא דאַרפן זיי וועגן דעם ניט פרעגן ביי אַ „רב״.

די משנה זאָגט „עשה לך רב״, יעדער איד דאַרף האָבן אַ „רב״ — זיי טראַכטן אָבער, אַז דערמיט ווערן געמיינט די

10) ש״א ח, ה. ועד״ז שם, כ. — ומש״נ בפרשתנו (שם, יד) „אשימה עלי מלך ככל הגוים אשר סביבותי״ — ראה רמב״ן שם, דמש״נ „אשימה עלי גו׳״ הוא „מרמיזותיו על העתידות שכן הי׳ כששאלו להם כו׳״, אבל אי״ז מעלת ענין המלוכה כפי שצ״ל ע״פ תורה.

11) ראה גיטין ספ״ה.

12) אבות פ״א מ״ו ומט״ז.

ענינים נעלים: ווען עס קומט אָבער צו ענינים פשוטים, איז ער אַ מאמין בעצמו, ער דאַרף ניט אָנקומען צו השפעה פון אַ רב. דאָס קען ער אַליין אויפטאָן.

אַי, עס גייט דורך אַ משך זמן און ער שטייט נאָך אַלץ אין זעלבן מצב נמוך — פונדעסטוועגן מיינט ער, איז ניט כדאי דערמיט צו גיין צום „רב". ער וועט וואַרטן „עד שיערה עליו רוח ממרום", ביז ער וועט נתעורר ווערן מיט יראה כדבעי און מתקן זיין אַלץ וואָס ער דאַרף מתקן זיין — בכח עצמו.

אויף דעם איז די הוראה פון מינוי מלך ברוחניות איצטער: הגם אַז (עליך — באַ אידן) איז ענינו ופעולתו של מלך בעיקר שייך בנוגע צו העכערע מדריגות, אָבער ווען ס'איז אַ מצב פון „אותי מאסו", ח"ו, אָדער אַ חשש אויף דעם — דאַרף מען גלייך נוצן מורא המלך אויף דעם.

ה. עס זיינען פאַראַן אויך אַזעלכע וואָס זאָגן, אַז זיי געפינען ניט פאַר זיך קיין „רב". דאַרפן זיי וויסן אַז דאָס איז מעצת ופיתוי היצר. וואָרום לא אלמן ישראל[13], און ס'איז ניט שייך די מציאות, אַז צווישן אידן זאָל ניט זיין איינער וואָס האָט מער אהבת ה' ויראת ה' פון אים — און קען במילא זיין פאַר אים אַ „רב"[14]. נאָר דערויף דאַרף זיין עשה (אויך פון ל' מעשין על הצדקה[15], כפיית ישות עצמו) און יגיעה — ער דאַרף זיך מתייגע זיין און זוכן, ביז ער וועט געפינען אַ „רב".

וואָרום אויף זיך טאָר מען זיך ניט פאַר־לאָזן[16] — מען מוז האָבן אַ „רב". און יגעת ומצאת[17] — אויב ער וועט האָ־רעווען און זוכן מיט אַן אמת וועט ער געפינען אַ רב.

און דער „רב" וועט מיט אים „איינ־לערנען" די פרשיות וואָס דער מלך פלעגט לייענען בהקהל — שמע און והי' אם שמוע[18] וכו': פריער שמע וואָס איז קבלת עול מלכות שמים[19], און דערנאָך „והי' אם שמוע גו' (און) ואספת דגניך", ער וועט אים געבן צו פאַרשטיין אויך אין השגה אַז דער „ואספת דגניך" איז תלוי אין דעם „שמוע תשמעו";

און נאָכדעם ווי דער „רב" וועט ביי אים מעורר זיין די נידעריקע דרגא פון ביטול און קבלת עול, וועט ער אויף אים דערנאָך ממשיך זיין די העכערע מדריגה — יראה עילאה.

און כהנ"ל האָט אַ שייכות מיוחדת צו עקבתא דמשיחא, ערב ביאת משיח צדקנו — וואָס ענינו איז דאָך ביידע זאַכן[20]: רב (ילמד תורה אַלעמען — אפילו לאבות ומשה רבנו[21]) און מלך — מלכא משיחא.

(משיחת שמחת בית השואבה,

שנת הקהל, תשי"ג)

לקו"ש חכ"ד ע' 104

(13) ראה ב"ר (פנ"ו, ז) „אין דור שאין בו כמשה".

(14) להעיר מפי' הרמב"ם ורבינו יונה לאבות שם.

(15) ב"י לטיו"ד סרמ"ח. נת' בד"ה ועבדי דוד תרצ"ט. וראה לקו"ת בחוקותי מח, א.

(16) כמחז"ל (אבות פ"ב מ"ד) אל תאמין בעצמך.

(17) מגילה ו, ריש ע"ב.

(18) סוטה מא, א (במשנה). רמב"ם הל' חגיגה פ"ג ה"ג. — נת' לקמן ע' 204 ואילך.

(19) ברכות רפ"ב (במשנה). הובא בפרש"י סוטה שם ד"ה ושמע.

(20) סהמ"צ להצ"צ שם.

(21) לקו"ת צו יז, א. ש' האמונה פנ"ו ואילך. סהמ"צ שם.





אנשי הדור, אַז מ'האָט זוכה געווען אַז דער אויבערשטער האָט אויסגעקליבן און ממנה געווען אַ בעל־בחירה, וואָס מצד עצמו איז ער שלא בערך העכער פון אנשי הדור, אַז ער זאָל זיין „שופטיך" און „יועציך" און דער נביא הדור, וועלכער זאָל אָנווייזן הוראות און געבן עצות בנוגע צו דער עבודה פון אַלע אידן און אַלע מענטשן פון דעם דור, בכל עניני תורה ומצוות, און בנוגע צו דעם אַלגעמיינעם טאָג טעגלעכן לעבן און אויפפירונגען, אויך אין „בכל דרכיך (דעהו)" און „כל מעשיך (יהיו לשם שמים)"[24],

ביז — די נבואה העיקרית — די נבואה[25] אַז „לאלתר לגאולה" און תיכף ומיד ממש „הנה זה (משיח) בא"[26].

. . . און דורך דער קבלה וקיום ההוראות פון „שופטיך" און „יועציך" שבדורנו — ווערט דורך דעם גופא דער מעין און התחלה פון קיום התפלה[27] „השיבה שופטינו כבראשונה ויועצינו כבתחלה" בגאולה האמיתית והשלימה, במכ"ש פון דעם וואָס „סוף מעשה במחשבה תחלה"[28], עאכו"כ אַז דאָס איז שוין אויך אין דיבור („ניב שפתיים", ענין הנבואה), ווי ס'איז נהוג לאחרונה צו אַרויסברענגען די דברים בדיבור, כולל ובמיוחד — אַז אָט אָט קומט די גאולה.

— וואָס עפ"ז האָט מען אויך אַן ענטפער אויף דער שאלה וואָס מ'פרעגט אויף דעם וואָס מ'רעדט לאחרונה אַז די גאולה קומט תיכף ומיד ממש — לכאורה: ווי קען דאָס אַזוי גלאַטיק דורכגיין און מצליח זיין; ווי וועלן די בני־בית זיך אָפּרופן אויף דעם, און וואָס

(24) משלי ג, ו. אבות פ"ב מי"ב. וראה רמב"ם הל' דיעות ספ"ג. טושו"ע או"ח סרל"א.

(25) לא רק בתור חכם ושופט אלא בתור נביא, שזהו בודאות — ראה מאמרי אדה"ז הקצרים ע' שנה־ו.

(26) שה"ש ב, ח ובשהש"ר עה"פ.

(27) ברכה הי"א דתפלת העמידה.

(28) פיוט „לכה דודי".

# לז.

ע״פ המדובר כמה פעמים ובפרט לאחרונה – וועגן דער הכרזה והודעה פון כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו[1]: „לאלתר לתשובה (ובמילא איז) לאלתר לגאולה״, אַז מ׳האָט שוין אַלץ פאַרענדיקט, אויך דער „צופוצן די קנעפ״[2], און עס דאַרף נאָר זיין „עמדו[3] הכן כולכם״[4] – און דאָס האָט מען שוין אויך פאַרענדיקט – אויף צו מקבל זיין פני משיח צדקנו תיכף ומיד ממש – איז פאַרשטאַנדיק, אַז מ׳האַלט שוין איצטער באַ דעם זמן פון קיום היעוד „ואשיבה[5] שופטיך כו׳ ויועציך״[6], און נאָכמער: כבתחילה: מ׳האָט שוין די התחלה דערפון, כדלקמן.

. . . בכל הדורות – אויך לפני תחה״מ של משה – איז נוגע די הלכה צו וויסן אַז „הא־ל מנבא את בני האדם״[7] (גילוי אלקות בגדרי הנבראים), ביז די שלימות בזה ווי ס׳איז געווען באַ משה[8]. און נאָכמער – בכל דור איז שייך אַז „נביא אקים להם גו׳ כמוך״[9], ווי דער רמב״ם איז מבאר[10] אַז „כל נביא שיעמד אחר משה רבינו אין אנו

1) „קול קורא״ ב„הקריאה והקדושה״ (סיון־תמוז תש״א. אלול תש״ב) – נדפסו באגרות־קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ה ע׳ שסא ואילך. שעז ואילך. תח ואילך. ח״ו ע׳ תל ואילך.

2) ראה שיחת שמח״ת תרפ״ט.

3) אגרות־קודש שלו ח״ד ע׳ רעט. רש״נ.

4) ראה „היום יום״ ט״ו טבת. ובכ״מ.

5) ישעי׳ א, כו.

6) ראה פיה״מ להרמב״ם סנהדרין פ״א מ״ג, דמשמע שם ש„ואשיבה שופטיך גו׳״ יהי׳ עוד „לפני בוא המשיח״ וכהסיום בכתוב זה „אחרי כן יקרא לך עיר הצדק גו׳״. יראה לקו״ש ח״ט ע׳ 105 הערה 74.

7) רמב״ם הל׳ יסודי התורה רפ״ז.

8) לקו״ש חכ״ג ע׳ 71. ע״ש.

9) פרשתנו יח, יח.

10) שם פ״ח ה״ב.





„יועציך״ שבדורנו – „מאן מלכי רבנן״[19] בכלל, ובפרט נשיא דורנו – וועלכער קומט בהמשך צו רבותינו נשיאינו שלפניו – דער שופט דורנו ויועץ דורנו און נביא דורנו,

וכציווי התורה הנ״ל[9]: „נביא אקים להם מקרב אחיהם כמוך ונתתי דברי בפיו ודיבר אליהם את כל אשר אצונו״, „אליו תשמעון״[20], וכפס״ד הרמב״ם הנ״ל, אַז אויב איינער האָט די מעלות ושלימויות וואָס אַ נביא דאַרף האָבן און באַווייזט אותות ומופתים – ווי מ׳האָט געזען און מ׳זעט בהמשך קיום ברכותיו באַ נשיא דורנו – איז „אין אנו מאמינים בו מפני האות לבדו כו׳ אלא מפני המצוה שצוה משה בתורה ואמר אם נתן אות אליו תשמעון״, דורך דעם וואָס „יאמר דברים העתידים להיות בעולם ויאמנו דבריו״[21] (ווי מ׳האָט עס געזען באַ כ״ק מו״ח אדמו״ר),

און נאָכמער: „נביא שהעיד לו נביא אחר שהוא נביא – ווי דאָס איז בנוגע צו נשיא דורנו, און דאָס ווערט נמשך בדור שלאחריו ע״י תלמידיו כו׳ – הרי הוא בחזקת נביא ואין זה השני צריך חקירה״[22]; מ׳דאַרף אים פאָלגן גלייך תיכף ומיד נאָך „קודם שיעשה אות״, און „אסור לחשוב אחריו ולהרהר בנבואתו שמא אינו אמת ואסור לנסותו יותר מדי כו׳ שנאמר[23] לא תנסו את ה׳ אלקיכם כאשר נסיתם במסה כו׳ אלא מאחר שנודע שזה נביא יאמינו וידעו כי ה׳ בקרבם ולא יהרהרו ולא יחשבו אחריו כו׳״[22], וואָרום מ׳איז מאמין אין דברי הנביא, ניט ווייל דאָס איז זיינע דעם נביא׳ס רייד, נאָר ווייל דאָס איז דעם אויבערשטן׳ס רייד דורך דעם נביא!

. . . האָט מען די הוראה כנ״ל, אַז מ׳דאַרף מפרסם זיין לכל

19) ראה גיטין סב, א.

20) פרשתנו יח, טו.

21) רמב״ם שם רפ״י.

22) שם ה״ה.

23) ואתחנן ו, טז.

מאמינים בו מפני האות לבדו כו׳ אלא מפני המצוה שצוה משה בתורה כו״, ד.ה. אַז יעדער נביא איז אַ המשך פון נבואת משה ותורתו (נאָר אין דעם גילוי הנבואה זיינען פאַראַן חילוקי דרגות, ווי דער רמב״ם איז מבאר[11]). ובדורנו נשיא דורנו כ״ק מו״ח אדמו״ר.

ובפרט לאחרי וואָס „תחזור הנבואה לישראל״[12], וואָס איז „הקדמת משיח״[12] — די נבואה וואָס וועט זיין באַ משיח צדקנו (וואָס „נביא[13] גדול הוא קרוב למשה רבינו״), ואמרו חז״ל[14] אַז „גואל ראשון (משה) הוא גואל אחרון״, און בכל דור ודור איז דאָ איינער וואָס איז ראוי לזה — דעריבער דאַרף מען וויסן אַלס אַ הלכה אויך בזמן הזה (נאָך פאַר דער גאולה), אַז ס׳איז דאָ די מציאות פון גילוי הנבואה (באַ משיח עוד לפני הגאולה), אַלס אַ מעין והתחלה („יועציך כבתחלה״) צו שלימות גילוי הנבואה לאחרי הגאולה. דאָס הייסט, אַז דאָס איז ניט קיין חידוש וואָס וועט זיך אויפטאָן ערשט נאָך דער גאולה, נאָר די התחלה בזה ווערט שוין אויפגעטאָן פריער בבחי׳ „יועציך כבתחלה״, דעריבער שרייבט עס דער רמב״ם אין זיין ספר הלכות (ובפרט אַז דער רמב״ם שרייבט בספרו אויך די הלכות וואָס זיינען נוגע לימות המשיח, אויך — די הקדמה לזה).

ע״פ הנ״ל וועט מען פאַרשטיין דעם אויפטו פון די לעצטע דורות בכלל ובפרט פון דעם איצטיקן דור ובפרט אין דעם איצטיקן זמן, וואָס לויט הכרזת והודעת כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו האָט מען שוין אַלץ פאַרענדיקט, און לויט אַלע סימנים האַלט מען שוין אין די לעצטע רגעים פאַר דער גאולה.

. . . מ׳האָט די שלימות פון יפוצו מעינותיך חוצה בכל קצוי

11) פ״ז ה״ז.

12) רמב״ם אגרת תימן פ״ג.

13) רמב״ם הל׳ תשובה פ״ט ה״ב.

14) ראה שמו״ר פ״ב, ד. זח״א רנג, א. שער הפסוקים פ׳ ויחי. תו״א ר״פ משפטים. ועוד.





תבל, ובאופן המובן בשכל בני אדם, אפילו פון אַזאַ וואָס געפינט זיך אין חוצה שאין חוצה הימנו, און אויך — דער תרגום פון פנימיות התורה ותורת החסידות אין לשון עם ועם [רוסיש, וכיו״ב] דורך כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, ובאופן דהולך ומוסיף ואור, ביז בימים האחרונים — אויך אָפּגעדרוקט (ספר התניא, תושב״כ פון חסידות[15]) אויף „ברייל״, דער כתב פאַר „סגי נהור״ ר״ל (כמדובר לעיל[16]).

וע״פ די הכרזה הנ״ל פון כ״ק מו״ח אדמו״ר, אַז מ׳האָט שוין פאַרענדיקט אַלע עניני העבודה, כולל די עבודה פון רבותינו נשיאינו אַלס „שופטיך״ און „יועציך״ עד היום הזה, און „אכשור דרי״[17] כפשוטו — איז פאַרשטאַנדיק, אַז ס׳איז שוין געקומען די צייט פון „ואשיבה שופטיך כבראשונה ויועציך כבתחלה״. בתכלית השלימות (און מ׳דאַרף ניט אָנקומען צו שוטרים, ווייל ס׳איז שוין אַלץ מבורר), לאחרי די טעימה והתחלה בזה דורך רבותינו נשיאינו[18].

דערפון איז פאַרשטאַנדיק דער לימוד וואָס יעדערער האָט שטייענדיק אין שבת פרשת שופטים בדורנו זה ובפרט בזמן האחרון, די לעצטע רגעים פון גלות — אַז עס דאַרף זיין אַן עבודה בהתאם מדה כנגד מדה צו מצב הגאולה:

צו מפרסם זיין באַ זיך און ביי אַלע צו וועמען מ׳קען דערגרייכן — אַז מ׳דאַרף אויף זיך מקבל זיין און אויף זיך אָננעמען (מיט נאָכמער שטאַרקייט) די הוראות ועצות פון די „שופטיך״ און

15) מכתב כ״ק מו״ח אדמו״ר — נדפס בקיצורים והערות לתניא ע׳ קיח ואילך. אגרות קודש שלו ח״ד ע׳ רכא ואילך. וראה שם ח״ה ע׳ צ.

16) שיחת ש״פ עקב (סה״ש התנש״א ע׳ 764 ואילך).

17) ל׳ חז״ל — יבמות לט, ב. חולין צג, ב.

18) ראה פיה״מ להרמב״ם שבהערה 6: ואשיבה שופטיך כבראשונה ויועציך כבתחילה . . זה יהי׳ בלי ספק כשיכון הבורא ית׳ לבות בני אדם ותרבה זכותם ותשוקתם לשם יתברך ותגדל חכמתם לפני בוא המשיח כו׳.